Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

Dos jidiše folk in tzifern

Leštzinski, Jankev

Berlin, 1922

תוכולמ עשיאייפארייא ערעדנא ןוא עיגלעב ,ךיירקנארפ ןיא ןדיא יד .15 לטיפאק.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8340

Visual Library

קאפיטל 15.

די אידן אין פראנקרייך, בעלגיע און אנדערע אייראפייאישע מלוכות.

מיר האבן ביז אהער גערעדט װעגן די אידן פון די לענדער און מלוכות אין אייראפע, װאו ס'זיינען פאראן מער פון 100 טויזנט אידן, חוץ דער אייראפייאישער טערקיי, װעלכע װעט באהאנדעלט װערן שפעטער. איצט איז אונז נאך געבליבן זיך אפשטעלן אויף די קליינע גרופעס אידן, װאס געפינען זיך אין די איבעריגע אייראפייאישע מלוכות.

מיר הויבן אן פון פראנקרייך, הגם װעגן די אידן פונם דאזיגן לאנד זיינען פאראן נאר װייניג סטאטיסטישע ידיעות. ערב דער מלחמה איז געװען אין פראנקרייך בערך הונדערט טויזנט אידן, פון װעלכע 75 טויזנט האבן געלעבט אין פאריז. װעגן דער אנטװיקלונג פון דער אידישער קהלה אין פאריז זיינען פאראן אייניגע דאטן. אין סאמע אנהויב פון 19־טן יארהונדערט איז אין פאריז געװען קרוב צו דריי טויזנט אידן; אין 1819־טן יאר — זיבן טויזנט; אין 1865־טן — דרייסיג טויזנט; אין 1904־טן יאר — זעכציג טויזנט און אין 1914־טן — 75 טויזנט אידן. פאר הונדערט יאר איז די אידישע קהלה אין פאריז אויסגעװאקסן מער פון 25 מאל. דער װאוקס פון דער פאריזער אידישער קהלה איז געגאנגען דער־עיקר ניט אויפן חשבון פון די ארטיגע פראנצויזישע אידן, נאר מער אויפן חשבון פון דער עמיגראציע פון אנדערע לענדער. ראשית, האבן עמיגרירט קיין פאריז בערך א סך אידן פון עלזאס־לאטארינגיע, נאכדעם װי די דאזיגע פראװינצן זיינען אריבערגעגאנגען צו דייטשלאנד נאך דער מלחמה פון 1871־טן יאר; נאר נאך א גרעסערע איינװאנדערונג איז געגאנגען פון עסטרייך און רוסלאנד, פאר װעלכע פאריז איז געװארן א מין טראנזיט־פונקט אויפן װעג קיין אמעריקע. דער גרויסער עמיגראציע־שטראם פון עסטרייך און רוסלאנד האט אויף זיין װעג געלאזט רעשטלאך אין פאריז, און די דאזיגע רעשטלאך האבן שטארק פארגרעסערט די פאריזער אידישע קהלה פאר די לעצטע דרייסיג יאר.

אין בעלגיע זיינען פאראן ביז 50 טויזנט אידן. די גרעסטע קהלה איז אין אנטװערפן, װאו ס'איז פאראן א גרויסע קאלאניע פון רוסישע און עסטרייכישע אידן. אין אנטװערפן איז געװען אין 1849־טן יאר 75 אידישע משפחות אדער בערך דריי הונדערט אידישע נפשות; אין 1900־טן יאר איז אין דער דאזיגער שטאט געװען ביז 8000 אידן און אין 1913־טן ביז 12 000. די צװייטע גרויסע

קהלה אין בעלגיע געפינט זיך אין בריוסעל, וואו אין 1890־טן יאר איז געווען פאררעגיסטרירט 150 אידישע משפחות אדער בערך 600 אידישע נפשות און אין 1907־טן יאר איז געווען דארט 6000 אידן. אויך אין בריוסעל מאכן אויס די עמיגראנטן פון רוסלאנד און עסטרייך א גאנץ גרויסן טייל פון דער קהלה.

אין דענעמארק איז געווען אידן:

אין 1840־טן יאר	3 839 נפשות	0,29 %
" 1860 " "	4 241 "	0,26 "
" 1880 " "	3 946 "	0,20 "
" 1900 " "	3 476 "	0,14 "
" 1911 " "	5 164 "	0,18 "

מיר זעהען, אז פון 1840־טן ביז 1900־טן יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון דענעמארק אי אבסאלוט, אי רעלאטיוו פארקלענערט. און נאר אין די לעצטע צען יאר — פון 1900 ביז 1910־טן — האט זיך די צאל אידן אביסל פארגרעסערט אין ביידע פרטים. דאס דערקלערט זיך ניט מיטן ארגאנישן וואקסן פון די אידן פון דענעמארק, נאר מיט דעם, וואס פאר די אנגעוויזענע צען יאר איז אנגעקומען קיין דענעמארק א קליינע גרופע אידישע עמיגראנטן פון רוסלאנד און עסטרייך.

אין קאפענהאגן, אין דער הויפט־שטאט פון דענעמארק, זיינען געווען אידן:

אין 1880־טן יאר	3 030
" 1890 " "	3 264
" 1901 " "	2 826

אין די ערשטע צען יאר פון 20־טן יארהונדערט האט זיך די אידישע קהלה אין קאפענהאגן אביסל פארגרעסערט, נאר אויסשליסליך אדאנק דער איינוואנדערונג פון רוסישע אידן. בכלל קאן מען פעסט זאגן, אז דאס ביסל אידן אין דענעמארק וואלט זיך פארשוואונדן געווארן אדאנק די שמדן און געמישטע חתונות, ווען ניט די אפפרישונג, וואס די עמיגראנטן האבן אריינגעטראגן די לעצטע יארן.

מיר לאזן דורך די איבעריגע צפון־לענדער פון אייראפע, וואו די צאל אידן איז ווייניגער פון פינף טויזנט נפשות, און גייען איבער צו דער שווייץ.

אין דער שווייץ זיינען געווען אידן:

אין 1850־טן יאר	3 145	0,13 %
" 1870 " "	6 996	0,26 "
" 1888 " "	8 069	0,28 "

אין 1900־טן יאר	12 264	0,37 %
„ 1910 „ „	19 023	0,51 „

פאר 60 יאר האט זיך די צאל אידן פארגרעסערט כמעט זעקס מאל. דער דאזיגער בערך גרויסער צוזואקס איז ארויסגערופן אין א גרויסער מאס דורך דער עמיגראציע פון עסטרייך און רוסלאנד. ס׳איז נימא אין דער שווייץ קיין איין שטאט, וואו מיר זאלן ניט טרעפן א גרעסערע אדער קלענערע אידישע עמיגראנטן־קהלה. חוץ די עמיגראנטן, וואס קומען אין דער שווייץ, כדי זיך באזעצן און בלייבן דארטן, מוז מען נאך צוגעבן די אידישע סטודענטן פון רוס־לאנד, וואס מאכן אויס גאר ניט קיין קליינעם פראצענט פון אלע שווייצארישע אידן. כדי צו האבן א פארשטעלונג, ווי גרויס ס׳איז די צאל פרעמדע אידן אין דער שווייץ, וועלן מיר בריינגען אייניגע ציפערן.

אין 1900־טן יאר זיינען געוועזן:

Elvetia 1900

קאנטאן	ארטיגע אידן	אויס־לענדישע אידן	אויף 100 אר־טיגע זיינען געוועזן אויס־לענדישע
ציוריך	1066	1867	175
בערן	470	1073	228
באזעל	859	1038	121
גענף	274	875	319
וואַאדט	373	703	189
אַארגאַאו	754	236	31
סט־גאלן	282	274	97
לוצערן	172	147	85
סך־הכל	4250	6213	146

locuitori-si-străini ca 10500

מיר זעהען, אז אין דער מערהייט קאנטאנען זיינען די אויסלענדישע אידן מער פון די ארטיגע. אין איין קאנטאן איז אויף יעדן ארטיגן אידן פאראן דריי פרעמדע (גענף); אין בערן איז אויף יעדן היימישן אידן פאראן מער פון צוויי אנגעקומענע. אין אלע אכט געבראכטע קאנטאנען, וואס האבן געהאט אין 1900־טן יאר 85 פראצענט פון אלע שווייצארישע אידן, איז אויסגעקומען אויף 100 ארטיגע שווייצארישע אידן 146 אנגעקומענע.

אין איטאליע זיינען געווען אידן:

אין 1871־טן יאר	35 356	0,13 %
„ „ 1901 „	35 617	0,10 „
„ „ 1911 „	43 924	0,12 „

פאר די ערשטע דרייסיג יאר — פון 1871־טן ביז 1901־טן — האט זיך די צאל אידן כמעט ניט געביטן; אין די לעצטע צען יאר איז שוין געווען בערך א באדייטנדיגער צוואקס — 23 פראצענט. די אידן וואוינען אין איטאליע כמעט אויסשליסליך אין שטעט. די גרעסערע קהלות זיינען פאלגנדיגע (1900):

רוים	7 121 אידן
מיילאנד	3 012 „
טורין	2 828 „
פלארענץ	2 776 „
ליוואָרנאָ	2 487 „
ווענעדיג	2 474 „
סך־הכל	20 698 „

אין די אויסגערעכנטע זעקס קהלות האבן געלעבט 58 פראצענט פון אלע איטאליענישע אידן.

אין בולגאריע זיינען געווען אידן:

אין 1881־טן יאר	14 342	0,72 %
„ „ 1892 „	28 307	0,86 „
„ „ 1900 „	33 663	0,90 „
„ „ 1905 „	37 656	0,93 „
„ „ 1910 „	40 118	0,93 „

אין דרייסיג יאר — פון 1881 ביז 1910־טן — האט זיך די צאל פון די בולגארישע אידן כמעט ד ר י י מ א ל פארגרעסערט. די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פאר דער אייגענער צייט נאר פארדאפלט. דערמיט דערקלערט זיך, וואס אין 1881־טן יאר האבן אידן אויסגעמאכט 0,72 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג און אין 1910־טן — 0,93.

פון 100 אידן האבן געוואוינט אין שטעט אין 1905־טן יאר 95,8, ווען ביי דער גאנצער באפעלקערונג נאר 20 פון הונדערט. אין דער איינער שטאט סאפיא איז געווען אין 1905־טן יאר 10 703 אידן, כמעט א דריטל פון אלע

בולגארישע אידן. די איבעריגע אידן וואוינען מערסטנטיילס אין קהלות, וואס ציילן פון טויזנט ביז צוויי טויזנט אידן.

אין בולגאריע, מוז מען צוגעבן, וואוינען כמעט נאר ספּרדישע אידן. אזוי האבן אנגעגעבן שפּאניאליש פאר זייער מוטער־שפּראך אין 1900־טן יאר 96,76 פּראצענט פון אלע בולגארישע אידן.

אין באסניע און הערצאגעווינע זיינען געווען אידן:

אין 1879־טן יאר	3 426	0,29 %
„ 1885 „ „	5 805	0,43 „
„ 1895 „ „	8 213	0,52 „
„ 1910 „ „	11 868	0,62 „

פאר 31 יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון באסניע און הערצא־געווינע מער ווי דריי מאל פארגרעסערט. פאר דער איינענער צייט האט זיך די גאנצע באפעלקערונג פארגרעסערט נאר אויף 68 %.

די אידן זיינען באשטאנען אין 1910־טן יאר פון 8219 ספּרדישע (70 פּראצענט) און 3649 אנדערע אידן (30 פּראצענט).

די אידן זיינען כמעט אויסשליסליך שטאטישע איינוואוינער. און ווען ביי דער גאנצער באפעלקערונג וואוינען אין שטעט קוים 15 פּראצענט, האבן די אידן געגעבן 94 פּראצענט שטאטישע איינוואוינער (1910).

אין דער הויפּט־שטאט סאַראַיעווֹאָ האט געוואוינט אין 1910־טן יאר — 6 397 אידן אדער 54 פּראצענט פון אלע אידן פון באסניע און הערצאגעווינע. לגבי דער גאנצער באפעלקערונג האבן די אידן אין סאַראַיעווֹאָ אויסגעמאכט — 12,32 פּראצענט.

אין סערביע איז געווען אידן:

אין 1895־טן יאר	5 102
„ 1900 „ „	5 729

כמעט אלע אידן — חוץ דריי אידן — וואוינען אין שטעט. לויט די דאטן פון 1895־טן יאר האבן מער פון אכציג פּראצענט פון די סערבישע אידן גערעדט שפּאניאליש; „דייטש" — אין אמתן אידיש — מער פון 12 פּראצענט און סערביש סך־הכל 2,7. די דאטן פון 1900־טן יאר געבן אבער שוין גאר אן אנדער בילד — שפּאניאליש ריידן שוין סך־הכל 27 פּראצענט; „דייטש" —

8 פראצענט און סערביש — 46 פראצענט, כמעט א העלפט פון אלע סער־בישע אידן. אזא גיכע אסימילאציע איז בכלל נים מעגליך און די דאטן פון 1900־טן יאר רופן ארויס גרויסע ספקות.

ווען די קליינטשקע גרופקעס אידן אין אייניגע לענדער פון אייראפע, ווי גריכנלאנד, שפאניע, פארטוגאל און אנדערע, זיינען פאראן אזוי ווייניג סטאטיס־טישע ידיעות, אז ס'לוינט נים אויף זיי זיך אפשטעלן.

פראגעס.

1. וויפיל אידן זיינען פאראן: אין פראנקרייך? אין פאריזש?

2. וויפיל אידן זיינען געווען אין פאריזש: אין אנהויב פון 19־טן יאר־הונדערט? אין 1865־טן יאר? אין 1904־טן? אין 1914־טן?

3. וויפיל זיינען פאראן אידן אין בעלגיע? אין אנטווערפן? אין בריוסעל?

4. וויפיל זיינען געווען אידן אין דענעמארק: אין 1840־טן? אין 1880־טן? אין 1900־טן? אין 1911־טן?

5. פארוואס האט זיך אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט פארגרעסערט די באפעלקערונג פון דענעמארק?

6. וויפיל זיינען געווען אידן אין קאפענהאגן: אין 1880־טן? אין 1901־טן?

7. וויפיל זיינען געווען אידן אין דער שווייץ: אין 1850־טן? אין 1888־טן? אין 1900־טן? אין 1910־טן?

8. פארוואס האט זיך פאר די לעצטע צען יאר פארגרעסערט די שווייצא־רישע אידישע באפעלקערונג?

9. וויפיל זיינען דא אויסלענדישע אידן אויף הונדערט ארטיגע: אין קאנ־טאן גענף? אין קאנטאן בערן? אין קאנטאן ציוריך? אין קאנטאן ארגאאו?

10. וויפיל זיינען געווען אידן אין איטאליע: אין 1871־טן? אין 1901־טן? אין 1911־טן?

11. וויפיל זיינען געווען אידן אין 1900־טן יאר: אין רוים? אין מיילאנד?

12. וויפיל זיינען געווען אידן אין בולגאריע: אין 1881־טן? אין 1900־טן? אין 1910־טן?

13. וואסער א פראצענט בולגארישע אידן וואוינט אין שטעט?

14. וואסערע אידן וואוינען אין בולגאריע?

15. וויפיל זיינען געווען אידן אין באסניע און הערצאגעווינע: אין 1879־טן? אין 1895־טן? אין 1910־טן?

16. וויפיל פון זיי זיינען געווען ספרדישע?

17. וויפיל אידן זיינען געווען אין סערביע: אין 1895־טן? אין 1900־טן?

18. וואסער א פראצענט סערבישע אידן וואוינט אין שטעט?

19. וואסער א פראצענט סערבישע אידן האט גערעדט שפאניאליש אין 1895־טן?